המשך פון [illegible]. דאס צייטל 6197=6198 בלאט

סטאַרס האָבן אויפגעהערט צו ציען אַן עולם צו דער קאַסע, האָט ער זיך ווידער פאַרבענקט נאָך אַ ביסל קונסט. ווען שוואַרץ האָט אויפגעגעבן דאָס דזשאָלסאָן טעאַטער, האָט ראָלאַנד געשיקט שדכ־נים צו מאָריס שוואַרץ וועגן אַ שידוך. שוואַרצן איז געפעלן דער פּלאַן צוריקצוקערן זיך אויף סעקאַנד עוועניו, ווו עס איז נאָך אַלץ געווען דער צענטער פון יידיש לעבן. זיי האָבן זיך משדך געווען. שוואַרץ איז אַלץ געבליבן דער דירעקטאָר, סטאַר און רעזשיסער און וויליאַם ראָלאַנד איז געוואָרן דער גענעראַל־פאַר־וואַלטער.

.... אויף אַ ספּעציעלער פּראָגראַם, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לכבוד דער פּרעמיערע פון אהרן צייטלינס „אסתרקע" מיט וועלכער שוואַרץ האָט געעפנט זיין 21סטן סעזאָן פון „יידישן קונסט־טעאַטער", אין דעם געוועזענעם „פּאָבליק טעאַטער", איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל פון וויליאַם ראָלאַנד מיטן טיטל „מיין חלום רעאַליזירט", האָט ער געשריבן: „יאָרן־לאַנג האָב איך געהאָפט צו זיין געשעפטלעך פאַרבונדן מיטן יידישן קונסט־טעאַ־טער און מיט זיין דירעקטאָר מאָריס שוואַרץ. יאָרן־לאַנג האָב איך געפלאַנט צו זיין באַטייליקט אין דער גרויסער אַרבעט פון „יידישן קונסט־טעאַטער", ווייל איך האָב תמיד געפילט, אַז דער „יידישער קונסט־טעאַטער" איז אַ קולטור־אינסטיטוציע אין אונ־דזער לעבן אין אַמעריקע, און איך האָב געוואָלט עפּעס בייטראָגן מיט מיין אַרבעט. איצט איז מיין חלום רעאַליזירט".

דאָס איז באמת געווען ראָלאַנדס חלום, ווייל אַפילו אין די אָפּערעטן אונטער זיין דירעקציע האָט ער געזוכט אַריינצוברענגען עפּעס מער ראַפינירט, מער קינסטלעריש, און בכלל בעסער טעאַ־טער. ליידער איז עס אים ניט געלונגען, ווייל די סטאַרס האָבן געהאַט אַן אַנדער געשמאַק און חוש. אָנצוהאַלטן אַ טעאַטער, האָט ער געמוזט האָבן די גרויסע טעאַטראַלע נעמען פון די סטאַרס, און ער האָט זיך געמוזט בייגן צו זייער הויך אָדער זייער נידריקייט פון קולטורעלן אָדער טעאַטראַלן צושטאַנד."

**חיים עהרענרייך כאַראַקטעריזירט אים אַזוי:**

„וויליאַם ראָלאַנד איז פּרייטיק פאַרטאָג געשטאָרבן אין אַ האָספּיטאַל אין דאַלאַס, טעקסאַס, ווייט פון דער יידישער טעאַטער־וועלט אין ניו־יאָרק, פון דער וועלט, וועלכער ער האָט אַוועקגע־געבן איבער פיר צענדליק יאָר פון זיין לעבן, אַלס איינער פון די אָנערקענטע און געאַכטעטע יידישע טעאַטער־מענעדזשערס. ער איז געווען איינער פון די טאָמע באַליבטסטע מענעדזשערס ... שויספּי־לער און קאָלעגן, און אויך שרייבער האָבן אים ליב געהאַט ... ער איז געווען אַ וואָרטסמאַן און אַן ערלעכער מענטש. זיין האַלטונג האָט פאַרמאָגט ווירדע, חשיבות, ניט נאָר צו זיינע מיטמענטשן, נאָר טאַקע צו זיך אַליין. זיין גרעסטע מעלה איז געווען זיין פיזישע און מאָראַלישע זויבערקייט ... פון אַלע יידישע אימפּרעסאַריאָס איז וויליאַם ראָלאַנד געווען דער יונג טובדיקסטער, דער פייערלעכסטער ... ס'האָט פון אים געווייעט מיט הדרת פּנים. ... ער האָט ניט בלויז גענומען פון טעאַטער. ער האָט אויך צוגעטראָגן. ער האָט באַרייכערט די יידישע בראָנזוויל מיט אַ נייעם יידישן טעאַטער־בנין, וועלכער האָט יאָרן־לאַנג געטראָגן זיין נאָמען („ראָלאַנד טעאַטער"). פאַר דעם האָט ער, צוזאַמען מיט טאָמאַשעווסקין, אַריבערגעבראַכט





אַהערצו די באַרימטע ווילנער טרופּע, וועלכע האָט אַריינגעשריבן אַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער היגן יידישן טעאַטער. ווען קלאַראַ יאָנג איז געווען יונג און פּאָפּולער ביים ניו־יאָרקער עולם, האָט ראָלאַנד מיט איר אויפגעפירט דעם „ליבערטי טעאַטער" אין בראָנזוויל און געמאַכט יענע געדיכט יידישע געגנט פאַר אַ יידישן טעאַטער־צענטער.

.. וויליאַם ראָלאַנד איז געווען אַ גוטער און אַן ערלעכער געשעפטס־פירער"

מ. ע.

ב. י. גאָלדשטיין — אונזערע אידישע טעאַטער־פאַרוואַלטער, „טאָג", נ. י., 4 דעצעמבער 1925.

א. פרומקין — שלעכט, שלעכט, און — ער בויט גאָר אַ ניי גרויס טעאַטער, „מאָרגן־זשורנאַל", נ. י., 16 דעצעמבער 1927.

ח. עהרענרייך — די פּלענער פון דעם נייעם אידישען טהעאַטער אין בראָנז־וויל, „פאָרוו.", נ. י., 28 אויגוסט 1928.

יעקב קירשענבוים — דאָס „נייע ראָלאַנד טעאַטער" אין בראָנזוויל און זיינע פּלענער, „מאָז'ש", נ. י., 11 סעפּט. 1928.

„טעאַטער זשורנאַל" געווידמעט דעם „ראָלאַנד"־טעאַטער, — ניו־יאָרק, 1928.

חיים עהרענרייך — דער פאַרשטאָרבענער טעאַטער־מענעדזשער וויליאַם ראָלאַנד, „פאָרוו.", נ. י., 21 יאַנואַר 1960.

אַלעקסאַנדער אזרא — צו די שלושים פון אַ נאָענטן, „פאָרוו.", נ. י., 12 פעברואַר 1960.

מנשה סקולניק — מנשה סקולניק דערציילט, „פאָרוו.", נ. י., 11 אויג. 1963.

שלום סעקונדאַ — שלום סעקונדאַ דערציילט, „פאָרוו.", נ. י., 17 מאַי 1970.

## פישער, כאַיע

געבוירן 1902 אין סאָלאָק, קאָוונער גוב. ליטע. ביי פרומע אַ שניידערקע, אַן אַרבעטערין אין אַ פאַבריק פון סאָדע־וואַסער.

עוואַקוירט אין 1915 האָט זי געוואַנדערט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען איבער רוסלאַנד און איינקע מאָל אי־בערגעלעבט פּאָגראָמען. 1920 — צוריקגעפאָרן קיין קאָוונע, דאָרט געוואָרן אַ קעכין און געטאָן אַנדערע מלאכות, אָבער עס ציט זי צו דער בינע.

אָנגעקומען אין אַן אָוונט־שול ווו מ'האָט געלערנט פּלאַסטיק און טעאַטער־איבונגען, ווערט פ. באַמערקט פון דער פּלאַסטיק־לערע־רין וויערא סטאַטניקאָווא, און אויף איר איניציאַטיוו קומט אָן פ. אין 1922 אין דער יידישער טעאַטער־שול ביי דער „קולטור־ליגע" ווו זי איז טעטיק ביז 1924, פאָרט דערנאָך קיין ראַטנפאַרבאַנד און טרעט אַריין אין 1925 אין דער יידישער סטודיע פון ווייסרוסלאַנד, וועלכע געפינט זיך דעמאָלט אין מאָסקווע. ווען די טעאַטער־סטודיע ווערט אַ יאָר שפּעטער פאַרוואַנדלט אין „ווימ'ט", גייט פ. איבער אויטאָמאַטיש אין דער טרופּע.

ווייטערדיקער גורל — אומבאַקאַנט.

## גוטמאַן ישעיה

[זע פינקעלשטיין ישעיה־מאיר] זעקסטער באַנד, זז. 5782־5769]

## קלעבאַנאָוו, א.

האָט אין 1922 געשפּילט ביי זאַסלאַווסקין אין פּעטערבורג.